# פרשת בלק י"א – י"ז תמוז תשע"ה לפ"ק

***יום שני פרשת בלק***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לביקור מיוחד למחנה החדש והמפואר '**מחנה עדת בנות וויען**' בעיר מאנטיסעלא, שפתחה שעריה לתפארה למאות תלמידות בליעה"ר, השוהים בגבולותיה לחדשי הקיץ. **רבינו שליט"א** עבר בתוך המחנה, כאשר נתלווה על ידי חברי ועסקני המחנה, ובתוכם הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו מנכ"ל מוסדותינו הק' בוויליאמסבורג, והר"ר **אברהם ברוך בערקאוויטש** הי"ו מראשי טובי ועסקני קהלתנו הק', אשר יומם ולילה לא ישבותו בהכנת בניני המחנה בכל פרטיה, והפליאו לעשות מלאכת אומן נפלא לנוי ותפארת קהלתנו הק', כאשר הביע **רבינו שליט"א** כמה פעמים במשך הביקור.

בעת הביקור נכנס **רבינו שליט"א** לבית התבשיל וחדרי האפיה המכינה אוכל לתלמידות ותושבי המחנה, ועבר על פרטי כשרות המאכלים, והשגחת הדברים בהפרשת חלה וכדומה, ונתן כמה הוראות לדעת את המעשה אשר יעשון.

בסיום הביקור נכנס **רבינו שליט"א** להדר מיוחד, והשמיע דברות קודש קצרים לצוות המחנכות בקעמפ, בגודל האחריות בהתייסדות הקעמפ, שתבנה על יסודות איתנים של תורה ויראת שמים, ועורר במיוחד להשתדל בדיבור בלשון יודיש בכלליות הנהגת המחנה, וסיים בדברי ברכה שחפץ ה' בידם יצליח בברכה והצלחה לרוב.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** האב געוואלט זאגען נאר ממש געציילטע ווערטער. ווען א מענטש בויט א הויז, טאמער האט מען געמאכט א זאך וואס איז קרום, עס איז נישט גראד, קען מען עס פארעכטען. מען רופט א בעל מלאכה, אז מען דארף די זאך טוישן. אבער אויב מען האט געמאכט א קרומע זאך אין די פאנדעישא"ן פון די הויז, איז זייער שווער אז מען זאל עס קענען פארעכטען. ווייל מען האט שוין ארויפגעבויט דערויף, און מען דארף אלעס צונעמען, אז מען זאל קענען פאררעכטען דעם יסוד. דאס יאר איז די פאנדעישא"ן פון די קעמפ, און וויאזוי מען לייגט יעצט אראפ די קעמפ, דער אייבערשטער זאל העלפען אי"ה, וועט עס אזוי געגנוצט ווערן ביז משיח וועט קומען. איך וויל ארויסברענגען די אחריות וואס מען האט אין די עבודת הקודש, אז יעדער איינער זאל פילן, אז וואס מען טוט יעצט, איז נישט אז מען האט עס היינט אזוי געטון, און מארגען קען מען עס טוישן. נאר וואס מען טוט יעצט, האט מען מיט דעם אראפגעלייגט א יסוד פאר אלע יארן שפעטער.

**מען** רעדט פון א סטע"ף פון לויטער היימישע שטובער, וואס אלע האבען איין ציל, צו געבן פאר די מיידלעך וואס קומען אויפן זומער, אז זיי זאלן קענען ערצויגען ווערן דא אין אן ערליכען גייסט, און אין א תורה'דיגען גייסט. פאר אסאך קינדער איז דער זומער, די צייט וואס האלט זיי אויף. עס איז דא פארשידענע שטובער, אין גשמיות און אין רוחניות, און עס זענען דא אסאך מיידלעך וואס מאכען מיט שווערע צייטן אינעם שטוב אין שטאט, און זיי בויען זיך אויף פונעם זומער. וואס מען לייגט אריין אין די מיידלעך זומער, דאס איז א זאך וואס איז נישט נאר אויפן זומער אליין, נאר עס בלייבט אויף א גאנץ יאר שפעטער. און מיר האבען אלע איין ציל, אריינצולייגען איבערן זומער וויפיל ווארעמקייט און יודישקייט מען קען.

**איך** וויל ארויסברענגען דער ענין פון רעדן יודיש און ענגליש. עס איז היינט זייער איינגעריסען דער ענין אז מען רעדט ענגליש. יעדער ווייסט, אז מען איז ארויס פון מצרים, בזכות שלא שינו את שמם לשונם ומלבושם (ויק"ר לב-ה). מען קען נישט צוריקדרייען דעם זייגער, עס איז היינט זייער איינגעריסען אז די מיידלעך רעדן צווישן זיך ענגליש. איך בעהט אבער, אז דער אטמאספער פונעם קעמפ זאל זיין אין יודיש. און וואו מען קען, זאל מען אריינברענגען ווארעמקייט, און יודישע און לשון הקודש'דיגע ניגונים. יעדער לשון הקודש'דיגער ניגון האט אין זיך מער קדושה פון אן ענגלישע ניגון. מען דארף עס נישט מסביר זיין, די פסוקים פון די תורה האבען אין זיך א קדושה. און איך בעהט אז יעדער זאל זיך אנשטרענגען ווי ווייט מען קען, צו ווייזן א היימישקייט. איך וויל אז די

מיידלעך זאלן זיך ענדזשויע"ן אין קעמפ, עס זאל זיין א קעמפ מיט אסאך פרייליכקייט, אבער אין די זעלבע צייט, וויפיל מען געבט פאר די גשמיות פון די קינדער, זאל מען אויך געבן פאר די רוחניות. און אז מען האט עפעס א ספק, זאל מען ענדערש פרעגן פריער, און מען זאל עס אויסשמועסן פריער, ווי איידער אז מען זאל טון א זאך, און נאכדעם וועט מען דארפן זאגען, אז עס איז נישט גוט, און מען דארף צוריקציען. עס איז די טובה פאר יעדעם איינעם, מיר ווילן אלע אנקומען צו די זעלבע ציל. - דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין אסאך ברכה און הצלחה אין וואס מען טוט. אז מען טוט פאר אנדערע קינדער, העלפט דער אייבערשטער פאר די אייגענע קינדער, און פאר די אייגענע שטוב. און מיר זאלן אלע זוכה זיין, דאס מיטצונעמען קיין ירושלים עיר הקודש, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

משם חזר **רבינו שליט"א** למחנה מתיבתא נחלת יעקב, והלך להבנין החדש והמפואר שנבנה בהשטח החדש ליד הקעמפ (המיועד להיות היכל הישיבה גדולה בעזהשי"ת). **רבינו שליט"א** עבר בתוך הבנין כאשר שמחה מיוחדת נכרת על פניו, בהרחבת גבולי הקדושה בתוככי ישיבתנו הק', לראות הבנין על תלה בנויה, בהוד והדר לבית אלקינו.

אחר תפלת מעריב עברו בחורי הישיבה, שהגיעו באותו יום לקעמפ, לקבל פני **רבינו שליט"א**.

*

***<u>יום חמישי פרשת בלק</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **מרדכי דוד וויטריאל** הי"ו (ב"פ). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו (בן הר"ר **יעקב ווערצבערגער** הי"ו).

לפני מעריב מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר מעריב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו (מאנסי, בן הר"ר **יעקב חיים** כ"ץ הי"ו).

*

***<u>שבת קודש פרשת בלק</u>***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל אמרי אמת מגור זי"ע** (מתוך הספר **שיח זקנים** חלק שמיני). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

בעיר ווארשא היה בית דין, ואחד מחברי הבית דין היה **הרה"ג רבי מרדכי ניסן קרול זצ"ל**. וסיפר, שפעם אחת היה להרה"ח רבי יוסף כ"ץ ע"ה (ממקורבי הרה"ק **בעל אמרי אמת זי"ע**) דין תורה עם איש אחד, ורבי מרדכי ניסן היה השליש. **והרה"ק מגור** היה העדות לטובת רבי יוסף, ואמר הרה"ק עדותו בכהאי לישנא, העולם אומרים שלפני שלשה אומרים האמת, להרופא, ולעורך דין (אדוואקאט), ולרבי. והנה כדברים הללו אמר לי (רבי יוסף), שכך וכך היה המעשה.

**והעיר** רבינו: בכלליות איז אזוי, אז פאר די דריי זאגט מען אויס דעם גאנצען אמת, אבער עס איז נישט א כלל, אז עס איז אינגאנצן אזוי. פאר א דאקטער זאגט מען בדרך כלל אויס די גאנצע אמת, ווייל עס איז נישט דא וואס צו באהאלטן. מען וויל דאך אז ער זאל היילן, און אויב ער וועט נישט זאגען דעם אמת אויף אלעם וואס ער פרעגט, וועט דער דאקטער נישט קענען געבן א רפואה, האט ער דאך נישט וואס צו גיין צום דאקטער.

**פאר** א לויע"ר, האט מיר אמאל א לויע"ר געזאגט, אז ווען א מענטש האט געטון א קרימינאלע זאך, און ער קומט צו אים, אז ער זאל אים פארטיידיגען, איז בעסער אז ער זאל אים נישט אויסזאגען דעם אמת וואס ער האט געטון, נאר ער זאל אים אויך איינרעדן דעם שקר, ווייל אזוי וועט ער אים קענען בעסער פארטיידיגען, ווי ווען ער זאל וויסן דעם אמת וואס איז געווען, און ער זאגט ליגענט. אמאל איז דא וואס פאר א לויע"ר זאגט מען אויך נישט אוס דעם גאנצען אמת, ווייל טאמער מען וועט אים

אויסזאגען דעם גאנצען אמת, קען ער נישט אזוי גוט פארטיידיגען, ווי ווען ער וואלט ווען געמיינט אז עס איז טאקע אמת אזוי ווי יענער זאגט.

**פאר** א רבי, האט ער געזאגט, אז מען זאגט אויס דעם גאנצען אמת. [בצחות: אפשר איז אמאל אזוי געווען. אבער אמאל איז אויך נישט געווען אזוי אינגאנצן]. איך האב געהערט פון א יוד, אז דער **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**, האט געהאט א גבאי, וואס האט געהאט א טאכטער, וואס איז ל"ע נישט געווען געזונט. און דער גבאי האט קיינמאל נישט פארציילט פארן **בעלזער רב**, אז ער האט א טאכטער וואס איז נישט געזונט. די טאכטער איז גרויס געווארן, און עס איז געקומען צו שידוכים, איז מען געקומען צום **בעלזער רב** פרעגן אינפארמעישא"ן אויף זיין גבאי און אויף זיין טאכטער. און דער **בעלזער רב** האט געגעבן די בעסטע אינפארמאציע וואס ער האט געוואוסט. און דער שידוך איז געווארן, און מען האט חתונה געהאט.

**נאך** די חתונה איז דער מחותן געוואר געווארן, אז זי איז נישט געזונט. איז ער געקומען צום **בעלזער רב** און ער האט אים געזאגט, אז דער רבי האט מיר אויסגענארט. איך האב געפרעגט אן עצה אויפן שידוך, און דער רבי האט מיר געזאגט, אז איך זאל טון דעם שידוך, און איך בין געוואר געווארן אז זי איז נישט געזונט. זאגט דער **בעלזער רב**, עס קען נישט זיין אז זי איז נישט געזונט, ווייל ער האט מיר קיינמאל נישט געזאגט, אז זי איז נישט געזונט. רופט ער אריין דעם גבאי, און ער פרעגט אים, דיין טאכטער איז געזונט. זאגט דער גבאי, ניין. פרעגט אים דער **בעלזער רב**, פארוואס האסטו מיר קיינמאל נישט געזאגט דערפון. האט ער געזאגט, ווייל איך האב געוואוסט, אז ווען עס וועט קומען צו שידוכים, וועט מען דאך אוודאי פרעגן דעם רבי'ן וועגן דעם שידוך, וועט דאך מיר קיינער נישט קענען קאליע מאכען דעם שידוך, נאר דער רבי אליין. איז בעסער אז איך זאל נישט פארציילען פארן רבי, אז מיין טאכטער איז קראנק, איז ממילא ווען עס וועט קומען צו א שידוך, וועט דער רבי זאגען אז אלעס איז גוט, און דעם רבי'ן וועט מען גלייבען, וועל איך קענען גרינג א שידוך טון.

*

**כ"ק האדמו"ר הלב שמחה זצ"ל** סיפר, שקודם המלחמה היה פעם בלאדזש, והתקשר אליו **הרה"ק רבי דוד מסאכאטשוב זצ"ל** על ידי הטעלעפאן, ואמר שרוצה לבא אליו. אמר לו **הלב שמחה** שמסכים לקבלו, אבל למעשה הקדים אותו, והלך אליו. כשהגיע, אמר לו **הרה"ק מסאכאטשוב**, אנשים באים ושואלים אותי, האם תהיה מלחמה או לא, ושמעתי שאביך (האמרי אמת) אומר שלא תהיה מלחמה. ענה לו **הלב שמחה**, שכאשר יסע לגור ישאל את פי אביו. וכן עשה, שנסע לגור וסיפר לאביו מה ששאל אותו **הרבי מסאכאטשוב**, אמר לבנו, 'יאך האב געזאגט אז עס וועט נישט זיין א מלחמה? מיין קאפ פארנעמט נישט קיין מלחמה'. שאל אותו בנו, מה אענה **להרבי מסאכאטשוב**, ענה לו אביו, הלא כבר שמעת.

ומביא בשם אחד מחסידי קאצק, שאמר בשם **הרה"ק מקאצק זי"ע**, שכל מה שיאמר לך הרבי תאמין, זולת אם יאמר לך שלא תהיה מלחמה, אל תאמין לו, כי הוא רוצה לדחות את הדבר, על כן הוא אומר כן.

**והעיר רבינו:** דאס איז זיין הסבר, אז פאר דעם האט דער **גער'ער רבי** געזאגט, אז עס וועט נישט זיין א מלחמה, ווייל ער האט געוואלט פועל'ן אין הימל. מן הסתם איז עס אויך אמת, אבער עס קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א טעם. מען האט געזען ביי אסאך גדולי ישראל ביי די קריג, אז זיי האבען נישט איבערגעלאזט זייער קהלה, כאטש מען האט אלע אוועקגעפירט, און מען האט געוואוסט אז עס קומען די צרות, און אפילו זיי האבען געהאט געלעגענהייטען אז זיי זאלן זיך קענען מציל זיין, האבען זיי זיך נישט מציל געווען. די וועלט זאגט, אז זיי האבען עס געטון ווייל זיי האבען געוואלט גיין אויף קידוש ה', אזוי ווי אלע יודען, און זיי האבען זיך נישט געוואלט אפטיילען פון כלל ישראל. אבער דאס איז א שווערע טעם צו זאגען, ווייל אויב מען קען זיך מציל זיין, איז א מענטש מחוייב זיך מציל צו זיין (עיין תוספות פסחים נג: ד"ה מה ראו).

**אבער** דער אמת'דיגער טעם איז געווען, ווייל זיי האבען געפילט, אז טאמער זיי וועלן אוועקגיין פון זייער קהלה, וועלן זיי אריינברענגען א פאניק אינעם ציבור, און דער פאניק איז פיקוח נפש. ווען

א טאטע לאזט איבער א שטוב, איז דער פאניק וואס מען האט, זייער גרויס. און וועגען דעם ווען דער **גער'ער רבי** זאל זאגען, אז עס וועט זיין א מלחמה, וואלט עס צושאקעלט טויזענטער שטובער, און זיי וואלטן נישט געהאט קיין מנוחה. און מיט דעם וואס ער האט געזאגט, אז עס וועט נישט זיין א מלחמה, האט ער בארוהיגט די חסידים, און ער האט מציל געווען אזויפיל שטובער, אז עס זאל זיין רואיג. זעהט אויס, אז ער האט געהאלטן, אז מען קען זיך נישט א עצה געבן, און מען קען ממילא נישט העלפען אסאך. גאנץ פוילן קען זיך נישט אויפהייבען, און אוועקגיין פון דארט. מען האט נישט געקענט אוועקפארן, איז וועגען דעם האט ער ענדערש געזוכט צו בארואיגן דעם ציבור, האט ער געזאגט, אז עס וועט נישט זיין א מלחמה.

*

פעם אמר **הרה"ק האמרי אמת זצ"ל**, אבי זצ"ל (השפת אמת) אמר על זקינו (**הרה"ק החידושי הרי"ם זצ"ל**), ששני פעמים בשנה היה נראה כמו מלאך. אצל הסדר, וביום הכיפורים. והוסיף **האמרי אמת** שנמצא שאבי זצ"ל ראה מלאך, דאם לא כן, איך ידע שזקינו היה נראה כמלאך. והמשיך **האמרי אמת** ואמר (על אביו), גם אני ראיתיו פעם אחת בשנה כמו מלאך. און ער האט זיך צושמייכעלט, [משום שהרי אמר על אביו **השפת אמת**, שנמצא שאבי זצ"ל ראה מלאך וכו', ועכשיו גם עליו צריכין לומר כן].

**והוסיף רבינו:** די וועלט זאגט, אז עס איז געווען צוויי יודענעס, וואס האבען געשמועסט צווישן זיך, און איינע האט זיך אנגערופן און זי האט געזאגט, 'מיין מאן איז א מלאך'. האט זיך די צווייטע יודענע אנגערופן, 'און מיין מאן איז אויך נישט א מענטש'....

# פרשת פנחס י"ח – כ"ד תמוז תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת פנחס***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר ***יהושע שטערן*** הי"ו (ב"פ). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום חמישי פרשת פנחס***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **נפתלי צבי דייטש** הי"ו (מאנסי). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

לפני מעריב מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

*

***שבת קודש פרשת פנחס***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק מצאנז זי"ע** (מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם). בברכת המזון נתכבד **הר"ר שמחה קארניאל הי"ו.**

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**הרה"ק מקאמינקא זי"ע** היה מספר, ששאל את המשמש של **הרה"ק מראפשיץ זי"ע**, ר' פרץ, למה אינו נושא אשה. ואמר, א מענטש אליין, וואס דארף ער האבען א ווייב. ושאל אותו, ומה יהיה עם מצות פריה ורביה. והשיב בטפשות, וועגן קינדער, קען מען פארן צום **בעלזער רב**, און דער **בעלזער רב** וועט אנוואונטשען, אז מען וועט האבען קינדער. ואמר **הרה"ק מצאנז זי"ע**, דער **קאמינקא רב** האט נישט געזאגט סתם אזוי א ווערטל, וכוונתו היתה, דכמו שאחד נוסע לצדיק להזכיר עבור בנים, מבלי שישא אשה מה בעי אצל הצדיק, כן כל אחד מי שנוסע אצל צדיק ריקם, בלי שום הכנות כדבעי, אינו מקבל מן הצדיק כלום.

**והוסיף** רבינו: דער **ראפשיצער רב** האט געהאט א גבאי, וואס איז נישט געווען א גרויסער חכם. איך האב אויך געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז מען האט געפרעגט דעם **ראפשיצער רב'ס** גבאי, פארוואס ער האט נישט חתונה. האט ער געזאגט, ווייל ער ווייסט, אז ער וועט נישט האבען קיין קינדער. האט מען אים געפרעגט, ווי אזוי ער ווייסט, אז ער וועט נישט האבען קיין קינדער. האט ער געזאגט, ווייל מיין טאטע ז"ל האט אויך נישט געהאט קיין קינדער. און אז מען דארף יא האבען קינדער, וועט מען פארן קיין בעלזא, און דער **בעלזער רב** וועט אנוואונטשען, אז מען זאל האבען קינדער.

**דער ראפשיצער רב** האט אליין גענומען א גבאי, וואס איז געווען א שוטה, כדי ער זאל אים נישט נאכקוקען זיינע זאכען. דער **ראפשיצער רב** איז געווען זייער א קלוגער מענטש, א גרויסער חכם. אויף די מצבה פונעם ראפשיצער רב שטייט, 'יחיד בדורו בחכמת אלקים'. און ער האט נישט געוואלט האבען א גבאי וואס זאל אים אלעס נאכקוקען, האט ער גענומען א גבאי א לא לנו, וואס ער האט אים משמש געווען.

**ואמר** רבינו **בצחות:** דער **ראפשיצער רב** האט מורא געהאט, אז דער גבאי וועט אויפכאפן אלעס וואס ער רעדט, האט ער גענומען אזא גבאי וואס כאפט נישט אויף אלעס וואס מען זאגט. ווען א מענטש רעדט אין שטוב, רעדט ער אנדערש ווי ווען ער רעדט מיט ידידים, און ווי ווען ער רעדט פאר א ציבור. היינט איז געווארן דערפון א גאנצע קוגעל, וואס מען רעדט א ווארט אויף א פלאץ, ווערט תיכף אפגעשריבען, און עס קומט תיכף אן אין די גאנצע וועלט. מען האט אוועקגענומען די פריוואטקייט, וואס מען האט אמאל געקענט רעדן א ווארט איינער צום צווייטען.

**מיט** בילדער איז אויך געווארן די זעלבע, א זאך וואס א מענטש טוט אין שטוב, וועט ער נישט טון אינדרויסן אויף די גאס. און א זאך וואס א מענטש מאכט ביי זיך אין הויף, מאכט ער נישט אינדרויסען. היינט, וואס מען טוט, קומט אן אין ארבע כנפות הארץ, פון איין מינוט אויפן צווייטען. און מען דארף מעורר זיין, אז מען זאל וויסען דערפון, אז עס איז אן איסור גמור, און מען טאר עס נישט טון. מה

טובו אהליך יעקב (במדבר כד-ה), יודען זענען געווען אין פתחיהן מכוונות זה כנגד זה (רש"י שם), אפילו נאר אריינקוקען צו יענעם אין שטוב, וואס יענער טוט א פריוואטע זאך, איז דא אן איסור פון היזק ראיה, און מען טאר נישט (עיין ב"ק ס., ובשו"ע חו"מ הל' נזקי שכנים ימן קנ"ד). ווען א מענטש טוט א זאך, און עס קומט א פרעמדער און ער טוט עס צושפרייטען אויף די גאנצע וועלט, אין וועלכע מא"ד יענער איז געווען, און ווי אזוי ער איז דעמאלטס געשטאנען, און וואס ער האט געטון, דאס איז א זאך וואס מען טאר נישט על פי תורה. מענטשען כאפן זיך נישט, מען קען אמאל מזיק זיין יענעם מיט א קלייניגקייט. מיט איין קלי"ק וואס ער האט געגעבן, האט ער יענעם שאדען געמאכט.

*

**איך** האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז דער **ראפשיצער רב** האט אין די יוגענט געהאט צוויי גבאים, און אויף דער עלטער האט ער געהאט נאר איין גבאי. און מען האט אים געפרעגט, אז עס דארף דאך זיין פארקערט. אין די יוגענט דארף מען נאר האבען איינעם, און אויף די עלטער דארף מען האבען צוויי. האט דער **ראפשיצער רב** גזזאגט, ווילאנג איך בין געווען יונג, האב איך געהאט כח צו באדינען צוויי גבאים, אויף דער עלטער האב איך נאר כח צו באדינען איין גבאי...

*

פעם אחת בא **הרה"ק מראזוואדאוו זי"ע** אל **הרה"ק מצאנז זי"ע** על שבת, ושמע בין החסידים שמדברים **שהרה"ק מצאנז** ראה את רבו **הרה"ק מראפשיץ זי"ע** בהקיץ, והיה זה קשה **להרה"ק מראזוואדאוו, שהרה"ק מצאנז** יהיה במדריגה לראות **הרה"ק מראפשיץ** בהקיץ. ועל אותה שבת בא גם **הרה"ק מדזיקוב זי"ע** לצאנז, ובהיות שידע **הרה"ק מראזוואדאוו שהרה"ק מצאנז** ילך להאכסניא של **הרה"ק מדזיקוב** לקבל פניו, הקדים את עצמו מקודם, וביקש מאביו שיברר אמיתית הדברים בענין זה שדיברו החסידים, **שהרה"ק מצאנז** ראה את **הרה"ק מראפשיץ** בהקיץ.

כשבא **הרה"ק מצאנז**, שאל אותו **הרה"ק מדזיקוב**, איר האט געזען מיין טאטע בהקיץ? השיב **הרה"ק מצאנז**, מי אנכי איך זאל זעהן א נשמה. אמר לו **הרה"ק מדזיקוב**, חסידים זאגען אז איר האט געזען מיין טאטע בהקיץ. אמר לו **הרה"ק מצאנז**, וואס חסידים קענען אלץ אויסטראכטען. מען האט מיר געפרעגט וועגן א שידוך פונעם הייליגן רב'ס קינדער, און עס איז געווען פארן דאווענען, און עס שטייט פון **אר"י הק'** אז פארן דאווענען דארף מען זיך מצייר זיין צורת רבו, און ווער איז געווען מיין רבי, אייער טאטע. האב איך מיר דעמאלטס מצייר געווען דעם הייליגען רב'ס צורה, און עס איז מיר דעמאלטס איינגעפאלן א טייטש אויף א פסוק, וואס עס האט אויסגעוויזען פון דעם טייטש, אז דער שידוך דארף נישט זיין, האב איך פארשטאנען אז דער הייליגער רב איז נישט מסכים אויפן שידוך, אבער איך זאל זעהן א נשמה?. איך האב אמאל געהאט א מדריגה, אז יעדן נאכט פון ערב יום טוב, האב איך געזען דעם הייליגען רב אין חלום, און איך האב עס אמאל פארציילט, האב איך פארלוירען די מדריגה. אמר לו **הרה"ק מדזיקוב**, זעהן אין חלום איז ביי איך א מדריגה? איך האב נאך קיינמאל נישט צוגעמאכט א אויג, און איך זאל נישט זעהן דעם טאטע'ן.

**והוסיף רבינו:** מען רעדט פון נשמות, עס איז די וואך די יארצייט פונעם **ישמח משה זי"ע**. עס שטייט אין **שו"ת קול אריה** (במפתחות סימן ה'), אז דער **קול אריה** האט חתונה געהאט קיין איהעל. דער **ישמח משה** איז דעמאלטס געווען דער רב, און זיין שווער איז געווען אן איהעל'ער יוד, און ער האט געפרעגט דעם **ישמח משה**, צו ער זאל טון דעם שידוך מיטן **קול אריה**. און דער **ישמח משה** האט אים צוגערעדט, אז ער זאל טון דעם שידוך, און ער האט אים איינגעזעצט פאר אן איידעם. עס איז געווען דאס לעצטע יאר וואס דער **ישמח משה** האט געלעבט, דער **ישמח משה** איז נסתלק געווארן כ"ח תמוז, און דער **קול אריה** האט חתונה געהאט חודש סיון פארדעם, און דער **ישמח משה** איז נאך געווען זיין מסדר קידושין.

**דער ייטב לב** איז נאך דעמאלטס געווען א יונגערמאן, און ער האט געלערנט בחברותא מיטן **קול אריה**. און אזוי ווי דער **ישמח משה** האט נישט געלעבט, האבען זיי געלערנט אינעם **ישמח משה'ס** ספרים שטוב. און דער **קול אריה** האט דעמאלטס געשריבען א קונטרס אויף ברכות, אויף וועלכע מצוה מען מאכט א ברכה, און אויף וועלכע מצוה

מען מאכט נישט א ברכה. און פארוואס אויף די מצוה האט מען מתקן געווען א ברכה, און אויף די אנדערע מצות נישט (נדפס **בשו"ת קול אריה** סימן ה'). און אזוי ווי ער האט געלערנט בחברותא מיטן **ייטב לב**, האט ער איבערגעלאזט ביים **ייטב לב** דעם קונטרס וואס ער האט געשריבען, אז ער זאל אריינקוקען דערין, און עס איז געבליבען אינעם ספרים שטוב פונעם **ישמח משה**.

**ביינאכט** האט דער **קול אריה'ס** שווער זיך געחלומט, אז דער **ישמח משה** קומט צו אים אין חלום, און ער זאגט אים, איך האב דיר מייעץ געווען אז דו זאלסט איינזעצן דעם **קול אריה** פאר אן איידעם, איך האב דיר נישט שלעכט מייעץ געווען. איך בין געווען ביי מיר אין ספרים שטוב, און איך האב געזען דארט א קונטרס וואס ער האט געשריבען, און עס איז דא דערין זייער שיינע חידושים, און דער **ישמח משה** האט נאכגעזאגט פאר זיין שווער, א שטיקל וואס ער האט געזען דארט אינעם קונטרס.

**צופרי** איז דער שווער פונעם **קול אריה** געגאנגען צום **קול אריה**, און ער האט אים געפרעגט, דו לערנסט יעצט ענינים פון ברכות. זאגט ער, יא. זאגט ער אים, איך וועל דיר זאגען א חידוש וואס דו האסט מחדש געווען, און ער האט אים איבערגעזאגט דאס וואס ער האט געהערט פונעם **ישמח משה** אינעם חלום. און דער **קול אריה** האט זיך געחידוש'ט פון ווי ווייסט דער שווער וואס ער האט מחדש געווען. האט אים דער שווער פארציילט, אז ער האט זיך געחלומ'ט, אז דער **ישמח משה** האט אים געזאגט, אז ער האט געזען דעם קונטרס ביי זיך אין ספרים שטוב, נאך די פטירה, און ער האט מיר איבערגעזאגט דעם חידוש, וואס דו האסט מחדש געווען.

**איך** האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז ער האט געהערט פון זיין זיידען דעם **שימלויא'ער רב**, אז ער האט אויך געהאט אזא ענין, וואס ווייזט אז עס איז דא א השארת הנפש, אז אפילו ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, האט מען נאך א שייכות צו די וועלט. אז פאר דעם **שימלויא'ער רב** איז אמאל פרייטאג צו נאכטס ביים דאווענען איינגעפאלען עפעס א חידוש, און ער האט זיך נישט געקענט דערמאנען פונקטליך די שורש הדברים פון דעם ספר וואס ער האט גענוצט אלץ א הקדמה צו דעם חידוש. און עס האט אים אנגעכאפט אזא תשוקה צו זעהן וואס עס שטייט אין דעם ספר, אז ער האט איבערגעלאזט דעם בית המדרש אינמיטן דאווענען, און ער איז אהיימגעגאנגען אריינקוקען אין דעם ספר, זעהן דעם חידוש. און עס איז אים געווען א פלא אויף זיך אליין, אז ער האט איבערגעלאזט דעם בית המדרש אינמיטן דאווענען, און ער איז אהיים געגאנגען זעהן דעם ספר, אבער ער האט אזוי געטון.

**ווען** ער האט גענומען דעם ספר, און ער האט עס געעפענט, האט ער געזען אז עס איז אויפגעשריבען אויפן שער בלאט פונעם ספר, אז דעם ספר האט ער באקומען א מתנה פון א יוד וואס האט געוואוינט אין שימלויא. און יוד איז אוועק, און ער האט איבערגעלאזט א חלק פון זיינע ספרים פארן **שימלויא'ער רב**, אז דער **שימלויא'ער רב** זאל מזכיר זיין, זיין נשמה נאך הונדערט און צוואנציג יאר. און עס איז געווען אריינגעשריבען, אז יעצט שבת איז זיין יארצייט. האט ער פארשטאנען, אז די נשמה פון דעם יוד איז געקומען, און ער האט אים מעורר געווען אז ער זאל אהיימגיין נאכצוקוקען א זאך וואס שטייט אינעם ספר, כדי ער זאל אים מזכיר זיין (מובא בהקדמה לספר **דרשות לחם שלמה** ביתר פרטים).